טעאטער „ראזמאיטאשטשי"
דיר. דוד צעלמייסטער

פסח'קע בורשטיין האט געצנומען לאדז!
שטורמישער ערפאלג! היינט, דאנערשטאג, 9 אווענד שטורמישער ערפאלג!
ווידערהאלונג פון דער פרעמיערע!
די בלאנדער ציינער
(די בלאנדע ציינער)

מיט דעם בעריהמטען אמעריקאנער סטאר
פסח'קע בורשטיין
אין דער טיטעל־ראלע.



אויסער דעם גרויסען אמעריקאנער גאסט בעטייליגען זיך אויך
די בעקאנטע ארטיסטען:
נאדיא קארעני
— און —
יעקב פישער



מיט דעם געקליבענעם אנסאמבל, לויט א. ב.
רייסע בעזשאו, דוד האמבורגער, שמחה
וויינטרויב, קאראל וויינבערג, מאניא
מאניעלא, מארס מאראווסקי, נעמי
נאטאז, חיים ניסענצווייג, דוד ספיוואק,
יעקב פישער, נאדיא קארעני און
ליזא שלאסבערג.

הערליכע מוזיק ■ גלענצענדער באלעט ■ אויסגעצייכענטע אויסשטאטונג ■ דעקאראציעס ■ קאסטיומען. ■ דיריגענט: דוד ביינעלמאן.
פאספארטוס און הנחה־בילעטען נישט גילטיג.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער.

# צוקערניע, וואו מ'בעקומט טיי מיט לימענע און „נאך עפעס"...

## איז ענטדעקט געווארען פון דער פאליציי

(א) די אויספארשונגס־מאכט האט בעקומען א ידיעה, אז אין דער צוקערניע אויף ציטעל גאס 25 בעקומט מען א חוץ טיי מיט לימענע — „נאך עפעס". ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז אין די אוונט־שעה'ן נאכ'ן שליסען די טיר, קומען זיך דארט צוזאמען מעדלעך מיט מענער און מ'איז זיך דארט שטארק משומח...

פאליציי איז נעכטען ביינאכט אהין אריין און געטראפען אין די סעפאראטקעס פערשידענע מעדלעך און דער בעלייטונג פון מענער. מחמת דעם, וואס די פארלעך האבען טעטראגען „פליאושע־קאסטיומען" האט דער וויזיט פון דער פאליציי אויף דעם עולם געמאכט נישט קיין אנגענעמען איינדרוק.

די בעל־הבית'טע, פרוי וויטשער צוזאמען מיט די „פאציענקעס" זענען פערבעטען געווארען אין קאמיסאריאט. די מאראם וויכער איז פערהאלטען געווארען, און די „פאנגעס" וועלען געשטעלט ווערען צו א מעדיצינישער קאנטראלע.

# צוערשט זיך אפגערעכנט מיטן ווירט, דערנאך מיט א פאליציאנט

## איצט איז ער געגאנגען א יאהר ישבענען

(א) זיגמונד שטשעפאנסקי (סטארא־שיקאווסקא 2) איז געקומען צרגאסט צום ווירט פון הויז וואלענטי מילאש. האט מען געשמועסט וועגען דאס, יענץ, וכדומה. בשעת מעשה האט מען געגומען „צו ביסלעך" ביז... דער ביטערער טראפען איז אריין אין קעפעל. ס'האט גאר־יישט לאנג געדויערט, און די פעשאטשעלעס האבען זיך גענומען געגענזייטיג מקיים פסק צו זיין (ווי תמיד!). אויף זייערע געוואלדען איז געקומען דער פאציענט דראזשינסקי. זעהענדיג דעם פאליציאנט, האט זיך שטשעפאנסקי אויף איהם געווארפען, גענומען איהם ווערגען, ארויסגעצויגען בייאיהם דעם באגנעט און זיך פערמאסטען צו דערלאנגען דעם פאליציאנט מיט זיין אייגענעם באגנעט. די שכנים האבען דעם פאליציאנט בעפרייט פון דעם רוצח'ס האנד. שטשעפאנסקי איז ארעסטירט געווארען און נעכטען איז ער געשטאנען פאר'ן געריכט.

דאס געריכט האט איהם פערמשפט אויף א יאהר תפיסה.

---

# דערטרונקען געווארען 4 מענשען

## ביים באדען זיך אין די טייכען אונטער לאדז

(א) נעכטען זענען ווידער 4 מענשען דערטרונקען געווארען ביים באדען.

אין דזשיזולע נעבען לאדז, איז דערטרונקען געווארען די 16 יאהריגע סטאשא קיאנאזסקא, וועלכע איז געקומען אהין אויף זומערוואוינונג פון לאדז.

אין דארף קלעקי איז דערטרינקען געווארען דער 17 יאהריגער זעגאן פיעטושיק.

אין דארף קאזשניצא איז דערטרונקען געווארען דער 2 יאהריגער וולאדיסלאוו קאשש.

אין בעלכאטאוו איז דערטרונקען געווארען דער 28 יאהריגער יודישער בחור שמואל פידלאווסקי פון בעלכאטאוו.

—*❊*—

# געווען שמעלקע מיט דער בעל־הבית'טע

## און דערשטאכען דעם בעל־הבית

(א) אין שטעטעל יזארטא איז אויסגעפיהרט געווארען א שרעקליכער רציחה פון א קיילער, יוזעף קיילער האט דערשטאכען זיין בעל־הבית. די מעשה איז אזוי געווען:

דער קיילער יוזעף לעמענט האט ביי זיך געהאלטען א געזעלען וולאדיסלאוו נאוואק. דער געזעלען האט זיך „צוגעשארט" צו דער בעל־הבית'טע. דער בעל־הבית האבענדיג א חשד, האט איהם בעזייטיגט פון דער שטעל.

נעכטען איז נאוואק געקומען צום בעל־הבית מיט א פרעטענזיע, ער זאל איהם אויסצאהלען 200 זל. ענטשעדיגונג. יען נ. האט אפגעזאגט האט נאוואק ארויסגעכאפט א לאנג קצבים־מעסער און אריינגעזעצט עס לעמענטן אין בויך אריין. ער האט דאס מעסער אריינגעהאקט מיט אזא רציחה, אז ס'איז ארויס דורכ'ן רוקען. ל... איז אין שפיטאל געשטארבען, נאכ'ן „שטיקעל ארבייט" איז ער אנטלאפען, ער איז אבער באלד געכאפט און ארעסטירט געווארען.

---

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון ציינער און יאסלעס
Piotrkowska 164 tel 114-20.

# קליינער פעליעטאן

## ס'נעגוסל נעבעך...

— אייגענטליך איז מיט'ן נעגוס די זעלבע מעשה וואס מיט אונז יודען — זאגט שמיל־שמעלקי — ער טראגט א הארטען קאפעלישעל, און רעדט צום דאשעק!

איהר האט געהערט א מעשה? ער גייט האבען טענות צו דער פעלקער־ליגע, הלמאי דאס און הלמאי יענץ, און פארוואס בכלל, און פארוואס בפרט?

ער גלויבט — זאגט ער — אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, און אז יושר איז דא, און גערעכטיגקייט, און אז די יושבי־בסתר־ליגע וועלען נישט דערלאזען, ער זאל ווערען אוים קאפעליוש־מאכער...

ער גיסט ממש מיט טרעהרען, אט דאס נעגוס'ל אין די ווייסע תחתונים, מיט דער שווארצער טענדרעווערענדע — און עס איז א רחמנות אויף איהם צו קוקען...

פונקט, ווי עס איז געווען א רחמנות צו קוקען אויף אונזער אייגענעם איטשע־מאיר'ל ביאלער, ווען ער האט געקנעלט תורה, חכמה ומעשים מיט די שפאלט־קאפ־מענשען קאוואלסקי, סמאלארעק, בעלקא וכדומה...

איי, דאס נעגוסל נעבעך! ס'איז דאך איהם (אויף מיר געזאגט זיין פרנסה!) אזוי נישט גוט, ס'איז איהם נעבעך אזוי זייער אין דער פרעמדער וועלט, אז ער איז אפילו גרייט צוריק אהיים צו פאהרען און ווייטער כאפען קלעפ...

ער בעט נאר מ'זאל איהם העלפען!

כ'ווייס זאגט שמיל־שמעלקי — און אפשר וואלט מען איהם טאקי געהאלפען! אבער גיי, פאלג מיר א גאנג, גיי העלף, אז מען קאן זיך, בארכאושעם אליין נישט העלפען!

וועניג האט מען מיט זיך צו טון — וועניג האט מען אנגעפלאדישעט אייטשע ניגוס'עס אין איירא־פא, וועט מען גיין העלפען עפעס אנ'אפריקאנישען נעגוס...

דער חלווק איז נאר, וואס פאר די אייגענע נרגחמעם האט מען טאקי פחד, און דעם היילע סעלאסיעלע האט מען טיף אין דער אדמה.

ס'איז מיר א גרויס רחמנות אויף איהם, אבער וואס קאן איך העלפען!?

שמילשמעלקי

